STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06249

IDISHE MELODYES [HEBREW MELODIES]

George Gordon Byron Byron

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לאָרד בייראָן:

אידישע מעלאָדיעס

איבערזעצט פון

דר. א. אייסען

פאַרלאַג מאַקס יאַנקאָוויטש
179 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק
.1928

Copyright, 1928, by
Dr. A. Asen

200

א מתנה מיין זוהן
מנחם מ. אייסען

לארד בייראָן

1788-1824

אין מיין איבערזעצונג פון לארד בייראן'ס „דער געפאנגענער פון שילאן", ארויסגעגעבן אין בוך-פארם אין אנפאנג יאהר 1925, האב איך שוין פרובירט אין א קורצן ביאגראפישן נאטיץ איבערגעבן דאס לעבן פון לארד בייראן (דזשארדזש גארדאן בייראן).

עס ווערט דארט אנגעוויזן דעם דיכטער'ס געבורטס-ארט. עס ווערט גערעדט וועגן זיינע עלטערן און וועגן דער דערציהונג וואס ער האט געקראגן. איך האב בקיצור דארט אנגעמערקט וועגן די ראמאנען וואס בייראן האט גע-פיהרט, זיינע דערפאלגען און נידערלאגען וואס ער האט געהאט ווען זיינע שאפונגען זיינען דערשינען און האב אויך דערמאנט איהם אלס פערזענליכקייט, רעוואלוציא-נער און פרייהייטס-קעמפער.

דא איז ניט דאס ארט זיך ארייַנצולאזן אין א גרויסע ביאגראפישע אפהאנדלונג איבער דעם אונשטערבליכען דיכטער. עס איז אבער כדאי דא צו דערמאנען אז די „אידישע מעלאדיעס" האט לארד בייראן אנגעשריבן אויף דעם פערלאנג פון זיינעם א פריינד, ריכטער דאגלאס קינייערד, פאר אן אויסוואל פון אידישע געזאנגען.

די „אידישע מעלאדיעס" זיינען געווארן אפגעדרוקט מיט מוזיק, אראנזשירט פון הער בראהאם און הער נייטאן, — דער לעצטער, א בארימטער חזן אין זיין צייט און אן איבערגעבענער פערזענליכער פריינט פון לארד בייראן.

א. א.

איהר גאַנג איז שעהן.

1

איהר גאַנג איז שעהן, ווי ס'איז די נאַכט
ווען אַלע שטערן לויכטען קלאָר;
די גאַנצע ליכט-און-שאָטען פּראַכט
אין איהר, אין איהרע אויגען-פּאָר;
אַ צאַרטער בליק, פאַרטרוימט, פאַרטראַכט, —
דעם טומל-טאָג איז פרעמד דאָס גאָר.

2

אַ שאָטען מעהר, אַ שטראַהל אַראָפּ —
און פון איהר חן וואָלט האַלב געפעהלט,
וואָס קרוינט איהר שוואַרץ-געלאָקטען קאָפּ,
און וואָס איהר ליב געזיכט באַהעלט;
וואו פיל געדאַנקען שפּיגלען אָפּ
דעם חן פון זייער צויבער-וועלט.

3

איהר באַק, איהר ברעם — איז קלאַסיש-פיין,
זיי דריקען אוים איהר שעהנקייט מילד;
איהר גליהענדיקער שמייכעל-שיין,
אַנטפּלעקט איהר רייכען לעבענס-בילד.
אַ האַרץ מיט גוטסקייט איבערפילט,
וואו עכטע ליבע דרינגט אַריין!

דוד׳ס הארפע.

1

דעם קעניג׳ס הארפע, די וואס האט מיט פיל
עקסטאז דעם זינגערס טענער העל צעקלונגען —
געזאנג, פארוועבט מיט היי׳ליגען געפיהל,
און מיט התלהבות גרויסע דורכגעדרונגען —
וויינט הויך: די סטרונעס זיינען זיך צעשפרונגען.
זי פלעגט דאס הארץ פון שטרענגסטען מענטשען באלד
באמוטיגען גערעכטיגקייט צו טאן;
קיין איינציק זעל איז ניט געבליבען קאלט
צו דוד׳ס הארפע מיט איהר צויבער-טאן, —
ביז מיט איהר מאכט האט זי פארשקלאפט זיין טראן.

2

דעם קעניג׳ס זיג דערציילט האט איהר געזאנג,
גאט׳ס גרויסקייט האט זי שפילענדיג פארמעהרט;
דעם בארג, דעם טאל באגייסטערט האט איהר קלאנג,
דער וואלד האט צו איהר ליד זיך צוגעהערט;
איהר טאן האט צו דער געטלאכקייט געהערט!
זינט דאן, אויב ס׳קלינגט אויף דר׳ערד איהר קלאנג ניט מעהר,
איהר ליבע אנדאכט דאך אין הארצען לעבט,
פון וויטען גרייכט א ווידערקלאנג אהער,
און אונזער גייסט צופלאטערט זיך און שוועבט,
פון טרוימען אומצושטערבארע באלעבט.

אויב...

1

אויב יענע וועלט, דאָרט אין דער הויך,
געטרייע ליבע הייליג היט,
אויב ס׳הארץ קען ליבען דאָרטן אויך;
דאָס זעלבע אויג, נאָר ס׳ווײנט מעהר ניט, —
דאַן זיי געגריסט דו נייע וועלט!
ווי ליב ביזטו, אָ, גסיסה־צייט!
אָהן שרעק צו שוועבען הויך, באהעלט
דאָרט פון דיין ליכט, דו אייביגקייט!

2

ניט בלויז פאַר זיך אַליין פאַרשאַפּט
אונז שרעק און אַנגסט דעם קבר׳ס ראַנד,
ווען מיר פאַרשווינדען ס׳לעצטע קראַפט
פאַרקניפּט צו זיין צום לעבענס־באַנד;
דו דענק דערפאַר: דאָרט איז דאָס לאַנד,
וואו הארץ מיט האַרץ זיך ליבט געטריי,
וואו זעל מיט זעל, אין איינם פאַרוואַנדט,
פון לעבענס־קוואַל טרינקט אייביג פריי.

אויף פרעמדער ערד.

1

דער ווילדער, פרייער הירש, אָהן צוים,
אויף יהודה'ס בערג נאָך שפרינגט,
און פון דעם לעבעדיקען שטראָם
אויף הייליג ערד, ער טרינקט;
זיין טראָט איז לייכט, זיין אויג פול גלוט,
קוקט ווייט מיט אונגעצאַמטען מוט.

2

אַ פלינקערן שריט, אַ העלערן בליק
האָט יהודה דאָרט געזעהן;
און זיינע קינדער אינ'ם לאַנד פון גליק,
פיל שעהנער נאָך געוועזן.
דער צעדער אויפ'ן לבנון שטעהט,
נאָר ציון'ס טאָכטער שטיל פאַרגעהט.

3

געבענטשט דער פאַלמען-בוים איז מעהר
פון פאָלק ישראל שוין;
קוים איינגעוואָרצעלט ווערט נאָר ער,
פאַרבלייבט ער מיט זיין חן:
ער קען אין פרעמד ניט לעבען גאָר,
וועט גרינען אין זיין היימלאַנד נאָר.

4

דאָך אונז איז וואַנדערען באַשערט
און שטאַרבען אונטערדריקט;
און אונזער אַש — אין פרעמדער ערד,
ווייט פון די אבות ליגט.
פון טעמפעל איז ניטאָ קיין שטיין,
אויף ציון'ס טהראָן זיצט שפּאָט אַליין.

ווינט ווינט.

1

ווינט מיט די ווייענדע ביי בבל'ס טייך!
ווען'ס לאַנד און טעמפּעל — ווי אַ חלום גלייך;
צובראָכען ליגט די האַרפּע אויף דער ערד,
גאָט'ס היכל איז דורך אומריינע צושטערט!

2

וואו וועט ישראל וואַשען זיינע פיס,
אין בלוט געטונקט? און ווען וועט קלינגען זיס
אויפסניי יהודה'ס ליד, זיין שעהן געזאַנג,
און ס'האַרץ דערפרעהען מיט דעם געטליך קלאַנג?

3

דו פאָלק, מיט מידע פיס און שוואַכער ברוסט,
ווען וועסטו פליהען, רוהען וואו דיר גלוסט!
די טויב פאַרמעגט אַ נעסט, דער פוקס — זיין שטוב,
דער מענש זיין היים — ישראל בלויז זיין גרוב.

ביים ירדן׳ס ברעג.

1

ביים ירדן׳ס ברעג די קעמלען בלאַנקען אום,
אויף ציון׳ס באַרג די געצענדינער — פרום,
אויף׳ן סיני בוקט מען זיך צום בעל — און דאָך,
אויך דאָרטען, גאָט, דיין דונער שווייגט אַלץ נאָך!

2

דאָרט — וואו דו האָסט די לוחות אויסגעקריצט!
דאָרט — וואו דיין שאָטען האָט צום פאָלק געבליצט!
אין פייער איז דיין רוהם געווען געקליידט:
דיך זעהן קען קיינער, און ניט ווערן טויט!

3

אָ, גאָט! דערשיין אין בליצען אויף דער ערד,
און רייס אַרויס דעם אונטערדריקער׳ס שווערד!
ווי לאַנג נאָך ווערט דיין לאַנד פון פיינט צו שפּאָט!
ווי לאַנג נאָך בלייבט דיין טעמפּעל וויסט, זאָג, גאָט!

יפתח׳ס טאָכטער.

אויב ס׳איז מיין פאָלק׳ס און גאָט׳ס פארלאַנג
איך זאָל דעם טויט זיין אַ געשאַנק;
אויב דורך דיין נדר איז ס׳לאַנד דערלייזט —
שטעך דורך מיין האַרץ — עס איז אַנטבלויזט!

פאַרביי איז שוין די טרויער־צייט,
איך זעה די בערג פון ווייטער ווייט.
איך ליב די האַנט, וואָס שלאָגט, — דערפאַר
פאַרשאַפט מיין וואונד מיר ניט קיין צער.

דו מעגסט אויך פאָטער רוהיג זיין,
אַז ריין בין איך די טאָכטער דיין,
ווי ס׳איז דיין ברכה ליכטיג־העל,
און דער געדאַנק, וואָס שטילט מיין זעל.

באָטש שלם׳ס*) טעכטער וויינען נאָך,
זאָל ריכטער, העלד, מיט מוט זיין דאָך!
פאַר דיר האָב איך געזיגט אין שטרייט, —
מיין לאַנד, מיין פאָטער — בלייבט באַפרייט!

ווען ס׳וועט מיין בלוט לאַנג זיין פאַרקילט,
ווען ס׳וועט מיין שטים שוין זיין פאַרשטילט,
זיי שטאָלץ מיט מיר, פאַרבלייב ניט טריב —
דער טויט איז מיר געוועזען ליב!

*) שלם — ווי מ׳האָט אַמאָל גערופען ירושלים.

דעם קבר'ס רויב.

1

ווי יונג, און שוין דעם קבר'ס רויב,
קיין שטיין זאָל דריקן שווער דיין שטויב!
ניין, איבער דיר זאָלן בליהען נאָר
די ערשטע רויזען פון דעם יאָהר;
דער ציפּרעס-בוים זאָל וויגן זיך מיט לויב.

2

און אָפט ביים וואסער'ס בלויען זוים
זאָל טרויער אומגיין לאנגזאם, שטיל;
פאַרטראַכטערהייד, ווי אין א טרוים,
מיט טיפען אומעט און געפיהל —
אָ, נאַר! צי הערט דער טויט? עס גלויבט זיך קוים!

3

שטיל-איין, אומזיסט די טרער, וואָס פליסט,
דער טויטער שענקט איהר ניט קיין אכט.
צי האָט עס דען דעם פיין פאַרזיסט,
און דיר דערמיט א טרייסט געבראַכט? —
דו ווילסט איך זאָל פאַרגעסען, — ניין!
אָט ווײנט דאָך שוין דיין אויג אליין,

מיין זעל איז טריב.

מיין זעל איז טריב, נעם, שפּיל די האַרף —
מיין האַרצנ׳ס איינציקער פאַרלאַנג;
מיט דיינע פינגער יאָג, צעוואָרף
די זילבער־טענער אין געדראַנג.
אויב ס׳קאָן מיין האַרץ נאָך האָפן מעהר, —
די האַרפע וועקט איהר מיט איהר קלאַנג;
אויב ס׳לויערט נאָך אין אויג אַ טרער,
און פליסט זי — שטילער ווערט מיין באַנג.

ניט שפּיל אַרוים מיט פרייד־געשאַל,
שאַל אוים דיין קלאַנג אין ווילד־געשריי;
זאָל עפ׳נען זיך דער טרערן־קוואַל,
ווען ניט צופּלאַצט מיין האַרץ פון וויי;
עס האָט זיך דאָרט די זאָרג באַזעצט
דורך טריבע נעכט פון גאָר שוין לאַנג;
ס׳איז פאַרטיק פאַר דאָס ערגסט צולעצט,
עס פּלאַצט — אויב ס׳קומט ניט דאָס געזאַנג.

וויינען און שמייכלען.

איך האָב אין טרערען דיך געזען —
און ס'האָט דיין אויג, טיף־בלוי,
פאַרטרערטערהייד דאַן אויסגעזען:
אַ וויאָלעט אין טוי.
איך האָב דיך שמייכלענדיג געזען
פאַרלוירן האָט זיין ליכט
דער שיינענדיגער סאַפּיר־שטיין
אַנטקעגן דיין געזיכט.

ווי וואָלקענס אין אַ זונפאַרגאַנג
זיך פאַרבן טיף און מילד,
און נאָר דער שאָטענדיקער גאַנג
פון נאַכט פאַרטרייבט דאָס בילד, —
אַזוי דרינגט אויך דיין שמייכל, לוסט
אין טריבער זעל אַריין;
און ס'בלייבט אויף לאַנג אין טיפער ברוסט
דיין שטראַלענדיגער שיין.

אַ העלדען־טויט.

1

ס׳פאַנגט נאָך דיין טויט דיין רוהם זיך אָן;
אין ליד פון לאַנד מיט פּראַכט
געזונגען ווערט דער זיג פון זוהן,
דער העלד פון בלוט׳גער שלאַכט!
די גרויסע טאַט האָט ער געטון —
האָט פריי זיין פאָלק געמאַכט!

2

כאָטש ביזט געפאַלען, דאָך דיין מוט,
דיין רוהם ווערט ניט פאַרבליהט!
דיין פליסענדיקע איידעל-בלוט
געהט דאָך לאיבוד ניט:
אין אונזער הארץ דיין גייסט, דיין גלוט,
נאָך לעבט, דיין אָטעם גליט!

3

דיין נאָמען בלייבט אַלס שלאַכט-רוף לאַנג,
געמינערט ניט אַ האָר!
דיין פאַל — דער לויב און דער געזאַנג
ביי יונג-פרויען אין כאָר!
געוויין איז ניט דיין רוהם׳ס פאַרלאַנג;
און קלאָג — באַליידיגט גאָר.

שאול'ס געזאַנג פאַר זיין לעצטער מלחמה

קריגער און פירער! אויב ס'וועט מיך נאָך היינט
טרעפן די שווערד, צי א פייל פון דעם פיינט,
שטעלט זיך ניט אָפּ מיט דעם ארון אין גאַס,
שליידערט דעם שפּיז אין די הערצער פון גת.

דו, וועם מיין בויגן און שילד איך פאַרטרוי,
אויב פאַר דעם שונא אַנטלויפט מיין ארמיי,
וואַרף מיך צו דר'ערד און דערטרינק מיך אין בלוט!
כ'שטאַרב, ווייל — מיין חיל געפעהלט האָט דער מוט...

כ'שייד זיך מיט אַלע, דאָך קיינמאָל מיט דיר,
זוהן פון מיין הארצן, און הערשער נאָך מיר!
שעהן איז די קרוין, אונבאַגרעניצט די מאַכט,
אָבער נאָך שעהנער דאָס שטאַרבן אין שלאַכט.

שאָול.

1

— דו וואָס גייסטער רופסט אַרויס,
ברייננ דעם נביא'ס גייסט אַראָפּ.
— קעניג, זעה דעם נביא'ס גייסט!
שמואל, הויב אַרויף דעם קאָפּ!

די ערד פּראַלט אויף; און אין אַ וואָלקען שטייט
דער גייסט; דאָס ליכט טרעט אָפּ פון טויטען קלייד.
דער טויט איז אין די אויגן טיף פאַרשטאַרט;
די הענט פאַרוועלקט, די אָדערען פאַרדאַרט;
די פּים באַגלאַנצט אין ווייסקייט פון געביין,
פאַרשרומפּט, אָהן מוסקולען, אַ שרעק צו זעהן;
און פון זיין טויט געשטאַלט און שטומע מויל —
אַ הוילער קול ווי ווינטען פון אַ הייל.
האָט שאָול עס דערזעהן, און ער איז באַלד
געפאַלען ווי עס פאַלט אַ בוים אין וואַלד.

2

„פאַרוואָס ווערט מיר מיין רוה געשטערט?
ווער רופט אַרויס מיך פון דער ערד?
ביזט דו עס, קעניג? זעה ווי קאַלט
און וויים אָהן בלוט איז מיין געשטאַלט!
און ווי אַזוי עס זעהט אוים מיין,
אַזוי וועט מאָרגען אויסזעהן דיין;
נאָך איידער ס'וועט פאַרגעהן די זון
ועסטו זיין קאַלט, און קאַלט — דיין זוהן!
פאַר דיר איז בלויז איין טאָג פאַראַן,
און אונזער שטויב באַהעפט זיך דאַן.
דו, און דיין קרייז — טויט, בלאַס און שטיל,
צעלעכערט פון די פיילען פיל;
דיין האַנד — צום אייגען שווערד געשטרעקט
און זיך אַליין אין האַרץ געשטעקט;
אָהן קרוין, אָהן קאָפּ אין לעצטען שלאַכט,
פאַלט פאָטער, זוהן, — גאַנץ שאָול'ס מאַכט!"

„הכל הבל“, אָמר קהלת.

1

רוהם, חכמה, איז געוועזען מיין,
ס'האָט יוגענד-קראַפט געהערט צו מיר;
מיין בעכער האָט געשוימט מיט וויין,
און שעהנע פרויען — ארום מיר;
אין שעהנהייט'ס אויג מיין האַרץ באַהעלט
און זעל באַזונט, געפיהלט האָב איך;
און וואָס ס'איז דאָ נאָר אויף דער וועלט
געגלאַנצט האָט מיר שטאָלץ-קעניגליך.

2

כ'לאָז געהן דורך מיין זכרון'ס בליק
דאָס לאַנג-פאַרגאַנגענע פאַרביי,
און אַלץ וואָס וואָלט דאָס לעבענס-גליק
געקאָנט מיר געבען אויף דאָס ניי.
קיין ליבע שעה האָט ניט דערוואַכט,
וואָס זאָל ניט זיין פאַרביטערט;
אין יעדער לוסט, גערייצט פון פּראַכט,
האָט פּיין אַדורכגעציטערט.

3

דעם שלאַנג פון פעלד האָט קלוג און שנעל
דער מענש, דורך כישוף, שוין פאַרשקלאַפט;
דאָך דעם וואָס שלענגעלט אום מיין זעל,
באַזיגען איהם ,וואו נעמט מען קראַפט?
ער הערט נישט מעהר דער חכמה'ס רייד,
עס ציהט געזאַנג איהם אויך ניט צו;
ער דרינגט אין האַרץ ביז טיפסטער לייד.
און גיט מיין זעלע ניט קיין רו.

אונשטערבליכקייט.

ווען טויט הילט־איין דעם גוף אין קעלט,
וואוהין פארשווינדט דעם מענשענ'ס גייסט?
ער שטארבט ניט, לעבט ניט אויף דער וועלט,
פון טונקלען שטויב בלויז וואו פאררייזט.
פאלגט דאן ער נאך, אהן גוף דעם טאנץ
פון שטערן־וועלטען אהן א צאהל?
צי מיט איין אויג, אין ליכט און גלאנץ
דעם רוים פארנעמט ער מיט איינמאל?

אונענדלאך, אייביק, אונגעשטערט,
זעהט אלץ, דאך איהם זעהט קיינער גאר, —
וואס אין דער הויך, צי אויף דער ערד,
פאר איהם אנטפלעקט זיך, זעהט ער קלאר.
און אלץ פון דעם פארגאנגנעם זיין
מיט טיפער טונקעלקייט פארוועבט,
דערזעהט דער גייסט אין העלער שיין,
און אלץ ווערט אויף דאס ניי באלעבט.

צו דעם „בראשית" פון נאטור,
צו דעם כאאס דרינגט ער צוריק;
דעם הימעל'ס ווייטען ערשטען שפור
דערקענט דער גייסט מיט קלארען בליק.
וואס צוקונפט ווארפט און שאפט — דערהעלט
ליגט אלץ פאר איהם; און זינקט די צייט,
צי חרוב ווערט א זון, א וועלט —
דער גייסט רוהט אין זיין אייביגקייט.

און ליבע, האס, און שרעק איז אוים,
איז זעלען־ריינקייט לעבט ער נאר;
יאהר־טויזענטער — איין יאהר איז בלויז;
ווי איין מאמענט — פאר איהם א יאהר.
ער פליהט, ער שוועבט אין הויכער וויים,
אהן פליגעל טראגט זיך וויים דער גייסט;
אן נאמען אין דער אייביגקייט,
פארגעסן לאנג וואס טויט זיין הייסט.

די זעאונג פון בלשאצר.

1

עס זיצט דער קעניג אויף זיין טראָן,
מיט עלטסטע איז געפּאַקט דער זאַל;
אַ טויזענט לאַמפּען בליצען העל,
אויפ'ן גרויסען פייערליכען באַל.
און טויזענט בעכער גאָלדענע,
וואָס פלעגט אין יהודה הייליג זיין —
יעהאָוואַ'ם כלים זיינען איצט
געפילט מיט געצענדינער'ם וויין.

2

דאָרט אין דער זעלבער צייט, אין זאַל,
באַוויזן האָט זיך דאַן אַ האַנט
און האָט געשריבען ווי אויף זאַמד
אנטקעגען קעניג אויף דער וואַנט.
די פינגער פונקט ווי פון אַ מענטש,
די האַנט דאָך ווי אַ גייסטער-האַנט,
ווי מיט אַ צויבער-שטאָק געפיהרט,
פאַרצייכענט ווערטער אויף דער וואַנט.

3

דער קעניג האָט עס באַלד דערזעהן —
ער האָט פאַרבאָטען הוליען מעהר;
מיט שרעק און ציטערניש אין שטים,
טויט-בלאַס ארויסגערעדט האָט ער:
„רופט די געלערענטע ארויס,
און גאָר די קלוגסטע אויף דער ערד,
אום צו דערקלערען דעם באַדייט
וואָס שרעקט מיך, און מיין פרייד צושטערט".

4

די כשדים־זעהער זיינען גוט,
דאָך איצט איז זייער קונסט צו־שאַנד:
און ס׳בלייבט דער שריפט אַלץ נישט דערקלערט,
און ווארפט אַ מורא פון דער וואַנט.
און בבל׳ס גרויסע אַלטע לייט
זיי זיינען קלוג, און לערנען טיף;
זיי זעהען אַלץ וואָס קומט דאַ פאָר
און האָבען פון דעם קיין באַגריף.

5

און אַ געפאַנגענער אין לאַנד,
אַ פרעמדער וואָס איז יונג געווען,
האָט דעם מאָנאַרך׳ס באַפעהל דערהערט,
דעם צייכן פון דעם שריפט דערזעהן.
די לאָמפען האָבען העל געשיינט,
ער האָט די שריפט דערזעהן אויף קלאָר;
געלעזען האָט ער אין דער נאַכט
וואָס מאָרגען האָט פּאַסירט אויף וואָר.

6

„פארשוואונדען איז בלשצר׳ס רייך,
און ער אליין — דעם קבר׳ס רויב;
זיין גורל וועגט זיך אויף אַ וואָג, —
איז לייכט און נישטיג ווי דער שטויב.
תכריכים איז זיין פורפור־קלייד,
דער שטיין — זיין שטוהל, זיין אויבען־אָן:
און מדי נעמט באַלד איין די שטאָט!
און פרס זיצט באַלד אויף זיין טראָן!”

אָה, זון פון שלאָפלאָזע!

אָה, זון פון שלאָפלאָזע, דו טריבער שטערן!
וועס׳ם ליכט פון ווייט גליט ציטערדיקערהייד,
צייגסט חשך, דאָך דו קענסט איהם ניט צושטערן —
ווי גלייך דו ביזט צו מיין עראינערונגס-פרייד!

דער עבר לויכט אזוי, דאָס ליכט פון וויטע טעג,
עס שיינט, נאָר ס׳איז די ווארימקייט אוועק;
א ליכט וואָס ס׳ווערט פון איהר מיין פיין באשטראהלט,
ווי העל, דאָך ווייט — ווי קלאָר, דאָך, ווייַ, ווי קאַלט!

וואָלט ס'האַרץ מיינס —

1

וועז ס'האַרץ מיינס געווען וואָלט פֿאַלש ווי דיר שיינט,
וואָלט איך ניט געוואַנדערט אין פֿרעמד צווישען פֿיינד;
איך וואָלט דאַן בעדאַרפֿט בלויז פֿאַרלאָזען ׳מיין גאָט,
און אוים מיט דער קללה, און אוים מיט'ן שפּאָט.

2

אויב עס זיגט ניט דער שלעכטער, שטעהט גאָט דיר דאַן ביי!
אויב דער שקלאַף איז אַ זינדער, ביזטו ריין און פֿריי!
אויב דער וואָגלער אויף דר'ערד איז אין הימעל צו שפּאָט,—
דאַן לעב אין דיין גלויבען, איך שטאַרב פֿאַר מיין גאָט.

3

כ'בין מקריב פֿאַר'ן גלויבען פֿיל מעהר ווי דיין גאָב,
ווי ס'ווייסט גאָט, וואָס גיט דיר דיין גוטס און דיין האָב;
מיין האַרץ און מיין האָפֿנונג ער האַלט אין זיין האַנד —
און דו האַלטסט אין דיינער מיין לעבען, ׳מיין לאַנד.

הורדוס׳עס לאַמענט נאָך מאַריאַמנע.*)

1

דאָס הארץ, אָה, מאַריאַמנע מיין!
געהט איצטער אָפּ פאַר דיר אין בלוט;
נקמה איז געוואָרען פיין,
חרטה פאָלגט מיין צאָרן-גלוט.
אָה, מאַריאַמנע! וואו ביזט דו?
דו קענסט ניט הערען מיין געוויין:
אויב גאָט נעמט מיין געבעט ניט צו,
וואָלסטו מיר מוחל זיין אליין.

2

און איז זי טויט? — און האָבען זיי
שוין דורכגעפיהרט מיין בלינדען וואוט?
ס׳הענגט איבער מיר די שווערד, איך זעה,
וואָס האָט פאַרגאָסען יונגע בלוט! —
דאָך דו דערמאָרדעטע, ביזט קאַלט —
אומזיסט מיין וויסטע הארץ איצט שמאַכט
נאָך איהר וואָס שוועבט פאַר מיין געשטאַלט,
מיין זעל אומזיסט פון הילף איצט טראַכט.

3

איך האָב מיין קעניגין מעהר ניט,
קיין זאַך, מיט וואָס ז׳האָט מיך באַגליקט;
די בלום האָט בלויז פאַר מיר געבליהט,
כ׳האָב איהר פון יהודה׳ן אָפּגעפליקט.
די שולד איז מיין, דער גיהנם — מיין,
עס ווערט פון אנגסט מיין הארץ פאַרצעהרט; —
אַך, איך האָב רעכט פאַרדינט דעם פיין,
וואס אומצעשטערבאַר מיך צעשטערט!

---

*) מאַריאַמנע, די ווייב פון קעניג הורדוס, דער גרויסער, איז געוואָרען פאַר׳משפט צום טויט, ווייל ער האָט איהר פאַרדעכטיגט אין אונטריישאַפט. זי איז געווען אַ זעלטענע שעהנהייט און אַ שטאָלצער גייסט. איהר אָפּ־שטאַמונג איז געווען פון די מאַקאַבייער.

חרבן ירושלים דורך טיטוס.

1

פון באַרג פון דעם לעצטען וואָס בליקט אויף דיין היים
איך זעה דיך, אָה ציון! באַלאַגערט פון רוים:
עס האָבען די פלאַמען פון חרוב'ען לאַנד
געבלענדט מיר מיין בליק אויף מיין הייליגער וואַנד.

2

געבליקט אויף דיין טעמפל, געבליקט אויף גאָט'ס הויז,
און ס'איז מיין געפאַנגשאַפט פון זין מיר אַרויס;
געזעהן ווי דער טויטליכער בראַנד דיך פאַרצעהרט,
די קייטען וואָס האָבען מיין נקמה געשטערט.

3

איך בין דאָרט געשטאַנען גאָר אָפט און באַטראַכט,
באַוואונדערט די בלענדענדע זון-שיין פאַרנאַכט;
ווען ס'האָבען די שטראַלען אין גלוט זיך געשפּילט,
און האָבען דעם באַרג און דיין היכל באַגילט.

4

כ'בין ווידער ביים באַרג דאָרט ווי דעמאָלסט געוועז,
נאָר כ'האָב נישט מעהר יענע פאַרנאַכט-שיין געזעהן;
הלואי אנשטאָט דעם וואָלט דער דונער געקראַכט,
און וואָלט פון דעם שונא א חורבן געמאַכט.

5

דאָך ס'זאָל ניט אין טעמפּל קיין אָפּגאָט דאָרט שטעהן,
מען זאָל ניט אין היכל קיין געצען מעהר זעהן!
דיין פאָלק בלייבט פאַרוואָגעלט, פאַרפאָלגט אָהן א שיעור,
דאָך וועלען מיר בעטען, אָה, גאָט! בלויז צו דיר.

על נהרות בבל.

1

ביי די טייכען פון בבל מיר זיינען
געזעסען, געוויינט און געקלערט
פונ'ם טאָג ווען עם האָבען טיראַנען
דעם טעמפעל אין ציון צעשטערט;
און פרויען גערויבט פון די מאַנען,
אין יאָמער געוואָרפען צו דר'ערד.

2

מיר האָבען אין טרויער אין שטומען
געקוקט אויף דעם שטראָם'ס פרייען גאַנג,
און באַלד איז דער פיינד צוגעקומען,
און „זינגט!" איז געווען זיין פאַרלאַנג! —
זאָל קלעפּען די צונג צו דעם גומען,
אויב מיר זינגען פאַר איהם אַ געזאַנג!

3

די האַרף אויף דער ווערבע געהאנגען —
צום אָנדענק פון גלאָררייכען שטאַנד;
און פריי זאָלען זיין איהרע קלאַנגען,
אָ, ציון, דו הייליגע לאַנד!
זאָל קיינמאָל דער האַרפע'ס געזאנגען
ניט קלינגען מיט שונאים'ס ביינאַנד.

סנחרוב׳ס מפלה.

אין גאָלד און אין פורפור באַפוצט און באַקליידט,
האָבען אַשור׳ס ארמייען ווי וועלף זיך פארשפרייט,
און ס׳האָבען די שפיזען געשיינט אין דער נאַכט,
ווי שטערען אין בלויען ים גליל אין פראכט.

2

ווי בלעטער פון וואלד ווען דער זומער גרינט שעהן,
האָט דאָס חיל מיט פענער פאַרנאַכט אויסגעזעהן;
ווי בלעטער פון וואלד וואָס דער הערבסט-ווינד צעווייט
איז דאָס חיל פרימאָרגענס געלעגען צעשפרייט.

3

ווייל דער מלאך פון טויט האָט די פליגעל פארשפרייט
און האָט אויף דעם שונא געווייעט מיט טויט;
און ס׳ווערען די שלאָפענדע אויגען טויט-קאַלט,
א הארץ טוט אַ קלאַפּ, און גאָר שטיל ווערט עס באלד.

4

און ס׳ליגט אויך דאָס פערד מיט דער נאָז ברייט צושפרייט,
דאָך ס׳פעלט שוין זיין אָטעם פון שטאָלץ און פון פרייד:
אויפ׳ן טאָרף ליגט זיין שוים אַזוי ווייס ווי דער שניי,
און קאַלט ווי פון שטורמישער כוואַליע דער שפריי.

5

און ס׳ליגט אויך דער רייטער פארבלייכט און פארצעהרט,
זיין שטערען באַטויט און פאַראָסט איז זיין שווערט,
פאַרלאָזען זיין צעלט און פאַר׳יתומ׳ט זיין פאָהן;
די שפיזען אָרונטער, פאַרשטומט טראָמפּייט׳ס טאָן.

6

געוויין פון אלמנות — מען הערט איבעראַל,
צעבראָכען די געטער אין טעמפּל פון בעל;
קיין שווערד האָט געשלאָגען דעם שונא צוריק;
זיין מאַכט איז צעגאַנגען ווי שניי פאַר גאָט׳ס בליק.

פאַר מיר האָט דורכגעשלייכט אַ גייסט.

(פון איוב)

פאַר מיר האָט דורכגעשלייכט אַ גייסט אין ליכט,
דערבליקט האָב איך דער אייביקייט׳ס געזיכט, —
אויף יעדענ׳ס אויג רוט שלאָף, נאָר איך אַליין
דערזעה: געשטאַלטלאָזע — דאָך געטלאַך שעהן;
פון שרעק מיין לייב ביז ביין פאַרציטערט ווערט,
די האָר צושפּיזט — און דאָס האָב איך געהערט:

„ווי קאָנסטו, מענש, פון גאָט זיין מעהר גערעכט,
אז שרפים זיינען דאָך ביי איהם ניט עכט?
דו קומסט פון ערד — און געהסט צוריק צו ערד!
אַ מילב אפילו האָט פון דיר מעהר ווערט.
איין-טאָג-געשאָף, וואָס נאָך פאַר נאַכט פאַרשווינט, —
פאַר חכמה׳ס ליכט ביזט דו אָהן מאַכט און בלינד".

אינהאלט.

1. איהר גאַנג איז שעהן — 5
2. דוד׳ס האַרפע — 6
3. אויב... — 7
4. אויף פרעמדער ערד — 8
5. וויינט, וויינט — 9
6. ביים ירדן׳ס ברעג — 10
7. יפתח׳ס טאָכטער — 11
8. דעם קבר׳ס רויב — 12
9. מיין זעל איז טריב — 13
10. וויינען און שמייכלען — 14
11. אַ העלדען־טויט — 15
12. שאול׳ס געזאַנג פאַר זיין לעצטער מלחמה — 16
13. שאָול — 17
14. „הבל הבל“ אָמר קהלת — 18
15. אונשטערבליכקייט — 19
16. די זעאונג פון בלשצר — 20-21
17. אָה, זון פון שלאָפלאָזע! — 22
18. וואָלט ס׳הארץ מיינס — 23
19. הורדוס׳עס לאַמענט נאָך מאַריאַמנע — 24
20. חרבן ירושלים דורך טיטוס — 25
21. על נהרות בבל — 26
22. סנחרוב׳ס מפלה — 27
23. פאַר מיר האָט דורכגעשלייכט אַ גייסט — 28

פון זעלבען איבערזעצער זיינען דערשינען:

אין יאָהר 1925: לאָרד בייראָן'ס „דער געפאַנגענער פון שילאָן".

אין יאָהר 1926: „די רובאיאַט", פון אָמאַר כאַיאַם.

עס ווערען צוגעגרייט צום דרוק:

„קין", פון לאָרד בייראָן.

„ענאָך ארדען", פון לאָרד טעניסאָן.



פֿאַרלאַג מאַקס יאַנקאָוויטש

179 EAST BROADWAY, NEW YORK, N. Y.

חיים שוים:

די גרויסע אידישע געשיכטע 4 בענדער — — 10.00

ליטערארישער דעקלאַמאַטאָר און פֿאָרלעזער .30 .70

ראָבערט אינגערסאָל: טעות'ן פֿון משה רבנו — .40 .75

א. שאָפּענהויער: "די חכמה פון לעבען", און אנדערע עסייען — — — — — — — — — — — 2.00

דר. מוזיקאַנט: דאָס נייע אָפּערא בוך מיט 40 אָפּעראָס — — — — — — — — — — — — 2.25

ברוך שפּינאזא: טעאָלאָגיש־פּאָליטישער טראַקטאַט 2.25

טאָמאָס פּיין: די צייט פון פארשטאַנד — — — 2.00

אנאַטאל פראַנס: דער אויפשטאַנד פון די מלאכים 2.00

מ. ארציבאַשעוו:

סאַנין — — — — — — — — — — — 1.50

מיליאָנען — — — — — — — — — — 1.20

פרויען — — — — — — — — — — — 1.00

דער לעצטער שטריך (אין 2 בענד.) — — — 3.50

אָסקאַר ווײַלד: דאָס בילד פון דאָריאַן גרעי — 1.50

לעאָניד אַנדרעיעוו: דער רויטער געלעכטער — .70

ראָמען ראָלאַן:

שוועסטער נאַנעט און סילוויא — — — — 1.75

זומער, ראָמאַן אין 3 טיילען — — — — — — 2.25

פ. דאָסטאָיעווסקי:

אָרעמע מענשען — — — — — — — — — 1.00

ערנידעריגטע און בעליידיגטע (אין 2 בענד) — 3.00

פארברעכען און שטראָף (אין 2 בענד) — — 3.50

אידיאָט (אין 2 בענד, 1,000 זייטען) — — 5.00

וויקטאָר הוגאָ: דער מענש, וואָס לאַכט אין 2 ב. 3.00

אויגוסט סטרינדבערג: דאָס רויטע צימער — — 1.50

פּראָפ. א. פאָרעל: געשלעכטספראַגע. פולשטענדיג אין 2 בענדער — — — — — — — — — — 4.00

ס. פשיבישעווסקי: דעם טייוועל'ס קינדער — — 1.50

ווינישענקאָ: עהרליך צו זיך אליין — — — — — 2.00